**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/9/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו שטיצן 9/11 קורבנות, ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער און זייערע באליבטע**

***געזעץ (S.6810/A.7425) שטעלט אוועק אלטערנאטיווע וועג פאר צו באקומען קורבן פארגוטיגונג קאסע געלטער***

***געזעץ (S.6812/A.7426) פארלאנגט אז פראצעדורן פאר קורבן פארגוטיגונג קאסע געלטער זאלן זיין די זעלבע פאר קלעימס פון פארוואונדעטע און פון טויטפעלער***

***געזעץ (S.9370/A.9922A) שטעלט אוועק א בארעכטיגונג אן דארפן ברענגען באווייזן פאר ארבייטער'ס פארגוטיגונג קלעימס פאר סיי וועלכע געזונטהייט שאדן אדער טויט ביי די וועלכע האבן אנטיילגענומען אין די וועלטס האנדל צענטער רעטונג, זוכעריי און רייניגונג אפעראציעס***

***געזעץ (S.9294A/A.10416) פארלענגערט די דעדליין צו אריינגעבן דיסאביליטי קלעימס פאר א בארעכטיגטע וועלטס האנדל צענטער געזונטהייט פראבלעמען***

***געזעץ (S.8273/A.7057-B) דעזיגנירט א טייל פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אלץ די "פארט אויטאריטעט פאליציי אפיציר דזשעימס וו. קענעלי אנדענק הייוועי"***

***בילדער פון גאווערנער האקול אונטערשרייבנדיג די געזעץ פארעפנטליכט [דא](#)***

שטייענדיג בעפאר די 21'סטע יארטאג פון 9/11, האט גאווערנער קעטי האקול היינט אונטערגעשריבן פינף געזעצן צו גיבן שטיצע פאר 9/11 קורבנות און איבערלעבער און פאר זייערע פאמיליעס. די שטיצע וועט העלפן אוועקנעמען שטרויכלונגען און פארשפעטיגונגען פון די קורבן פארגוטיגונג קאסע און פון ארבייטער'ס פארגוטיגונג (קאמפּענסעישען) קלעימס. אין צוגאב וועט א הייוועי דעזיגנירט ווערן צו באעהרן דזשעימס קענעלי, א וואלונטיר פייער לעשער וואס האט ארויסגעהאלפן מיט די זוכעריי, רעטונג און ארויסשלעפן מענטשן באמיאונגען. בילדער פון די גאווערנער אונטערשרייבנדיג די געזעצן זענען פארעפנטליכט [דא](#).

"ניו יארקער וועלן קיינמאל נישט פארגעסן די שוידערליכע געשעענישן פון סעפטעמבער 11, 2001, און מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן די העלדישקייט און מסירות נפש פון די ציווילע מענטשן און ערשטע הילף מאנשאפטן וועמען'ס לעבנס זענען פאר אייביג געטוישט געווארן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר צייכענען אפ די איין און צוואנציגסטע יארטאג פון די טעראר אטאקעס אויף די וועלטס האנדל צענטער (World Trade Center), די פענטאגאן און אין פענסילוועניע, איז דאס מיר אן עהרע צו אונטערשרייבן די פינף געזעצן וועלכע וועלן שטיצן און באעהרן די מענטשן וועמען'ס לעבנס זענען איבערגעדרייט געווארן אויף דעם שרעקליכן טאג."

א נייער געזעץ (S.6810/A.7425) שטעלט אוועק א מער איינפאכע אלטערנאטיווע וועג צו באקומען קורבן פארגוטיגונג קאסע (Victim Compensation Fund, VCF) געלטער, באשטייענדיג בלויז פון נישט-עקאנאמישע פארלוסטן ווי צום ביישפיל עמאציאנאלע שאדן. די VCF וועט ארויסגיבן א גאר דעטאלירטע ערקלערונג און צוטיילונג פון די געלטער צווישן עקאנאמישע און נישט-עקאנאמישע פארלוסטן.

אזוי ווי עס איז יעצט אונטער ניו יארק'ס אומרעכטיגע טויט געזעץ (wrongful death statute) ווערן סיי וועלכע געלטער וועלכע ווערן פארטיילט דורך די VCF באהאנדלט די זעלבע ווי סיי וועלכע אנדערע פארלאנג פאר פארגוטיגונג פאר א אומרעכטיגע אקט, פארנאכלעסיגקייט אדער נישט ערפילן פליכט וואס האט פאראורזאכט די טויט פון א פארשטארבענעם. איינמאל אזעלכע געלטער ווערן צוגעטיילט דורך די VCF, מוז דער פערזענליכע פארטרעטער אפלייען צו דעם סוראגעיט'ס געריכט (Surrogate's Court) פאר א געריכט באפעל צו ערלויבן די פשרה, זאמלונג און פארטיילונג פון די געלטער. די סוראגעיט'ס געריכט איז פאראנטווארטליך צו זיכער מאכן אז די געלטער זענען צופרידנשטעלנד און אז די געלטער ווערן פארטיילט צווישן די פאראינטערעסירטע פארטייען אויף א פאסיגן פארנעם.

**סטעיט סענאטאר ענדרו גונאַרדעס האט געזאגט,** "אלץ ניו יארקער זענען מיר שולדיג א חוב וואס מיר וועלן קיינמאל נישט קענען צוריקצאלן פאר די ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער וועלכע האבן איינגעשטעלט אלעס אין סכנה צו העלפן אין די רעטונג, ארויסשלעפן מענטשן און רייניגונג אפעראציעס ביי די וועלטס האנדל צענטער. מער פון צוואנציג יאר שפעטער, קענען זייערע איבערלעבעניש אונז נאכאלץ רופן צו אונטערנעמען שריט צו זיכער מאכן אז זיי באקומען די הילף און בענעפיטן וואס עס קומט זיך זיי. די דריי געזעצן וואס איך האב אריינגעגעבן פארגרינגערן פאר מאנשאפט מיטגלידער צו אפלייען פאר 9/11 דיסאביליטי בענעפיטן און באקומען הילף פון די קורבן פארגוטיגונג קאסע. א דאנק אייך, גאווערנאר האוקאל, פארן אונטערשרייבן די געזעצן היינט, און אזוי ווי אייביג, פאר די העלדישע מאנשאפט מיטגלידער וועלכע האבן מקריב געווען – און זענען פאר צו מקריב זיין – אזוי סאך."

**אסעמבלי מיטגליד פיטער דזש. אבאַטעי, דזשוניאר האט געזאגט,** "דאס דורכפירן די געזעצן וועט מאכן גלאטער די פראצעדורן צו באקומען געלט פון די סעפטעמבער 11 קורבנות פארגוטיגונג קאסע פאר קורבנות און איבערלעבער פון די טעראר אטאקע. עס וועט אויך העלפן זיכער מאכן אז די העלדישע מענער און פרויען וועלכע האבן אנטייל גענומען אין די וועלטס האנדל צענטער רעטונג, ארויסשלעפן מענטשן און רייניגונג אפעראציעס באקומען די בענעפיטן וואס עס קומט זיך פאר זיי און זייערע פאמיליעס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די געזעצן. מיר מוזן טוהן אלעס וואס מיר קענען צו באעהרן, געדענקן און אויסדרוקן אונזער דאנקבארקייט פאר די העלדישע באמיאונגען פון די וועלכע האבן זיך אפגערופן צו די הילף רוף אויף דעם גורל'דיגן טאג. מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן."

א נייער געזעץ (S.6812/A.7426) וועט פאדערן פון די קורבן פארגוטיגונג קאסע צו באהאנדלען אלע קורבנות פון די וועלטס האנדל צענטער טעראר אטאקע און דאס אריבערפירונג פון זייערע קלעימס גלייכערהייט, אן אומנויטיגע פארשפעטיגונגען, אוועקנעמענדיג געוויסע באגרעניצונגען וואס האבן פאראורזאכט פארשפעטיגונגען פאר פילע וועלכע האבן אריינגעבן אפליקאציעס און פאר זייערע פאמיליעס. די געזעץ מינימיזירט די ביוראקראטישע לאסט אויף די פאמיליע, די VCF און די סוראגעיט'ס געריכט דורכן ערלויבן פערזענליכע פארטרעטער פון 9/11 פארשטארבענע צו אריינגעבן און דורכפירן קלעימס, אפגעזעהן פון אויב דער פארשטארבענער איז געשטארבן פון די 9/11-פאראורזאכטע קראנקייט אדער האט פשוט געליטן פון א 9/11-פאראורזאכטע קראנקייט און געשטארבן פון אן אנדערע אורזאך.

געזעץ (S.9370/A.9922A) גיבט בארעכטיגונג ('פריזאַמפּשען') פאר ארבייטער'ס פארגוטיגונג קלעימס פאר סיי וועלכע געזונטהייט פראבלעם אדער טויט פון א מענטש וואס האט אנטיילגענומען אין די וועלטס האנדל צענטער רעטונג, ארויסשלעפן מענטשן און רייניגונג אפעראציעס אן דארפן איפּוווייזן אז עס קומט דירעקט דערפון. פילע פון די ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער און רעטונג און זוכעריי ארבייטער האבן צייטליך אריינגעגעבן א קלעים פאר בענעפיטן פון די NYS ארבייטער'ס פארגוטיגונג באורד אבער זענען צוריקגעוויזן געווארן אן א סיבה. אנדערע יורשים פון ארבייטער וועלכע זענען געשטארבן פון קראנקייטן וועלכע זענען סערטיפייד געווארן צו קענען פאראורזאכט ווערן דורך 9/11 זענען צוריקגעהאלטן געווארן פון אריינגעבן קלעימס פאר ארבייטער'ס פארגוטיגונג בענעפיטן וויבאלד די 'סטעטשוט אָוו לימיטעישענס' טערמין איז שוין געווען פאראיבער ווען די CDC 'וועלטס האנדל צענטער געזונטהייט פראגראם' סערטיפייד קראנקייטן זענען אנגענומען געווארן צו קומען אלץ רעזולטעט פון די אטאקע אן דאס דארפן איפּוווייזן. דער געזעץ העלפט די ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער און רעטונג און זוכעריי ארבייטער וועלכע האבן באקומען א קראנקייט אדער זענען געשטארבן פון א געוויסע קראנקייט צו באקומען די בענעפיטן וואס קומען זיך פאר זיי און זייערע פאמיליעס.

**סטעיט סענאטאר ראבערט דזשעקסאן האט געזאגט,** "פילע פון די 9/11 רעטונג און זוכעריי ארבייטער האבן אנטוויקלען אטעמען סימפטאמען און לונגען קראנקייטן צוליב דעם וואס זיי זענען אויסגעשטעלט געווען צו שטויב וואלקענעס פון די וועלטס האנדל צענטער. די ענדערונגען צו די ארבייטער'ס פארגוטיגונג געזעץ זענען נויטיג צו באערן דאס וואס די העלדן און זייערע פאמיליעס האבן מקריב געווען פאר אונזערע דעמאקראטיע און פאר אלע אמעריקאנער. עס איז מיר א פארגעניגן אז אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו די 21'סטע יארטאג פון איינס פון די מערסטע טראגישע טעג אין אמעריקאנע היסטאריע, שרייבט גאווערנער האקול אונטער מיין געזעץ S9370. איך באדאנק איר און מיין קאלעגע, אסעמבלי מיטגליד אבאַטעי (A922-A) פאר זייער פירערשאפט."

א נייער געזעץ (S.9294A/A.10416) ערלויבט סיי וועלכער אנטיילנעמער וואס איז געווארן דיסעיבעלד צווישן סעפטעמבער 11, 2017 און סעפטעמבער 11, 2021 אריינצוגעבן א קלעים בעפאר סעפטעמבער 11, 2026. אויב אן אנטיילנעמער האט אריינגעגעבן א קלעים אין די צייט אפשניט און עס איז נישט אריבערגעלאזט געווארן, וועט דער אפליקאציע נאכאמאל אין באטראכט גענומען ווערן דורך די ארבייטער'ס פארגוטיגונג באורד. דאס וועט אויך פארלענגערן די צייט אפשניט ביז סעפטעמבער 11, 2026 צו קענען אריינגעבן א מעלדונג פון אנטיילנעמונג אין ניו יארק סטעיט'ס פובליק רעטייערמענט סיסטעמען.

**אסעמבלי מיטגלידערין יו-ליין ניו האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו זעהן אז 21 יאר שפעטער, נעמט ניו יארק סטעיט נאכאלץ אונטער שריט צו שטיצן 9/11'ס ערשטע הילף מאנשאפטן. אין מיין דיסטריקט האבן מיר נאך פילע מענטשן וועלכע באקומען אין לעבן מיט 9/11-פארבינדענע קראנקייטן. עס אונזער פליכט צו זיכער מאכן אז אלע איבערלעבער באקומען די שטיצע וואס קומט זיך זיי."

א נייער געזעץ (S.8273/A.7057-B) דעזיגנירט א טייל פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אלץ די " Port Authority Police Officer James W. Kennelly Memorial Highway" (פארט אויטאריטעט פאליצײ אפיציר דזשעימס וו. קענעלי אנדענק הייוועי). דזשעימס קענעלי איז געווען א וואלונטיר פייער לעשער און מעסעפּיקווע איינוואוינער וואס האט ארויסגעהאלפן אין די זוכעריי, רעטונג און ארויסשלעפן מענטשן באמיאונגען אויף גראַונד זעראו ביי די צוואנציג יאר אלט. ער איז אוועק פון די וועלט ביי די 37 פון 9/11-פאראורזאכטע קענסער. דורכן רופן די הייוועי אין זיין נאמען וועט זיין מסירות נפש באעהרט ווערן.

**סטעיט סענאטאר דזשאַן אי. ברוקס האט געזאגט,** "דזשעימס קענעלי האט געדינט אלץ וואלונטיר פייער לעשער ביי מעסעפּיקווע'ס East End פייער סטאנציע. ווען ער איז געווען בלויז 20 יאר אלט האט ער געמאכט די העלדישע באשלוס צו ארויסהעלפן מיט די זוכעריי, רעטונג און ארויסשלעפן מענטשן

באמיאונגען ביי גראַונד זעראו אויף 9/11. פאר יעדער וואס האט געקענט דזשעימס, איז דאס נישט געקומען אלץ איבערראשונג, ווייל ער איז אייביג געווען גרייט צו העלפן די וועלכע זענען געווען אין נויט. צום באדויער איז דזשעימס אוועק פון די וועלט פון א 9/11-פאראורזאכטע קענסער דיאגנאזע ביי די יונגע עלטער פון 37, איבערלאזנדיג זיין פאמיליע, פריינט און קאמיוניטי וועלכע זענען נישט געווען די זעלבע זינט דאן. עס איז אונזער פליכט צו אנערקענען די העלדישקייט וואס דזשעימס האט ארויסגעוויזן דורכאויס זיין קורצע אבער איינפלוסרייכע לעבן, און איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם געזעץ צו אפצייכענען אזא באדייטנדע צייט."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל דורסאָו האט געזאגט,** "פארט אויטאריטעט אפיציר דזשעימס קענעלי איז געווען א גרויסע מענטש, איבערגעגעבן פאר די פובליק, א פריינד, און מער פון אלעס אן איבערגעגעבענער טאטע און מאן. עס איז בלויז פאסיג אז Old Sunrise הייוועי אין מעסעפיקווע זאל גערופן ווערן אין עהרע פון זיין דינסט און מסירות נפש צו אונזערע קאמיוניטיס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן מיין געזעץ, און איך האף אז דאס גיבן א נאמען פאר די הייוועי נאך אים וועט העלפן אז זיין אנדענק זאל בלייבן לעבן פאר פילע צוקונפטיגע דורות."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418